געשיכטע נומער פופצן

# א נשרף

— אונדזערע ייִדן — הער איך דרשענען א ייִדן הינטער מײַנע פּלייצעס און פּאַסאַזשירן הערן אים צו — אונדזערע ייִדן, הערט איר, ס'איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, ס'איז אַן עמא פּזיזא — וואָס איז די טײַטש? — מיט א ייִדן איז נאָר גוט קוגל עסן, דאַווענען פון איין סידור, און ליגן אַף איין בית־הקברות, און א רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

איר פרעגט, וואָס בין איך אַזוי אָנגעדרודלט און וואָס ליאַפּע איך אַזוי אַף ייִדן? איר זאָלט האָבן אַף זיך מײַן פּעקל און ייִדן זאָלן אײַך אַזוי טאָן, ווי מע טוט מיר, וואָלט איר אָנגעכאַפּט מענטשן אין די גאַסן, אָדער איר וואָלט געשלאָגן מיט א שטעקן! נאָר גאָרנישט, איך בין אַזא ייִד, וואָס קאַטאָרגע איך האָב פײַנט קריגן זיך מיט א וועלט. איך גיי תּמיד מיט דעם גאַנג: לאָז מײַנס איבערגיין, אָדער ווי שטייט דאָרט: עולם כמנהגו — וואָס איז די טײַטש? — לאָז זיך מיט זיי גאָט רעכענען, און א רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

הערט א מעשה: איך בין אַליין, נישט פאַר אײַך געדאַכט, א באָהס־לעווער, פון א קליין שטעטל פון באָהסלעוו, א קליינס, נאָר א ווילס, פון די שטעטלעך, וואָס מע זאָגט אַף זיי, אַז מע זאָל זיי גענדיכט זייען און שיטער אויפגיין; פון די שטעטלעך, וואָס אַז מע וויל עמעצן רעכט באַ־שטראָפן, זאָל מען אים נישט פאַרשיקן קיין סיביר — פע! — צו אונדז קיין באָהסלעוו זאָל מען אים פאַרשיקן, און מאַכן אים פאַר א קרעמער, און געבן אים קרעדיט, ער זאָל קאָנען רעכט אָנזעצן, און נאָכדעם זאָל

ער האָבן אַף זיך אַ שׂרפֿה, פֿאַרברענט ווערן מיט האַק און פּאַק, נישט אַרויסצוראַטעווען אַ פּאָדעם, און באַהסלעווער ייִדן זאָלן זאָגן, אַז דאָס האָט ער אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש”, בכדי... איר פֿאַרשטייט דאָך שוין מסתמא, וואָס באַהסלעווער ייִדן קאָנען אויסטראַכטן און קאָנען זאָגן און טאַקע אָוועקשרײַבן אַהינצו, ווו מע באַדאַרף, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

דערפֿון קאָנט איר שוין פֿאַרשטיין, מיט וועמען איר האָט צו טאָן; איר האָט צו טאָן מיט אַן אומגליקלעכן מענטשן, וואָס איז דרײַ מאָל אומגליקלעך, מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַף זיך אַ דרײַענדיק־פּעקל: ערשטנס, בין איך אַ ייִד, צווייטנס, בין איך אַ באַהסלעווער ייִד, און דריטנס, בין איך אַ באַהסלעווער ייִד אַ נשׂרף, און נאָך וואָס פֿאַר אַ נשׂרף — פֿון די אמתע „פּרים הנשׂרפֿים”, וואָס אין סידור! איך בין, הייסט עס, הײַנטיקס יאָר אָפּגעברענט געוואָרן. ווי אַזוי, מיינט איר? ווי אַ שטדויענער דאָך! איך בין אַרויס ממש בחרבי ובקשתי — וואָס איז די טײַטש? — ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט. און ווי סע פֿירט זיך, באַדאַרף איך מסתמא יענע נאַכט אַקוראַט נישט זײַן אין דער היים! ווו בין איך געווען? איך בין געווען נישט ווײַט פֿון אונדז, אין טאַראַשטשע בין איך געווען, בײַ מײַנער אַ שוועסטער אַף אַ קנס־מאָל בין איך געווען. געווען זייער אַ פֿײַנער קנס־מאָל, מיט אַ סעודה, מיט זייער פֿײַנע פֿעסט, נישט באַהסלעווער פֿאַרכעס. איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז מע האָט אויסגעטרונקען אָנדערהאַלבן עמער בראָנפֿן, אַחוץ ביר און אַחוץ ווײַן. קורץ, מע האָט פֿאַרבראַכט די צײַט כדבעי — וואָס איז די טײַטש? — ווי גאָט האָט געבאָטן. פּלוצעם קומט מיר אָן אַ דעפּעש: „זשענאַ באַליען, דיעטי באַליען, טיאָשטשאַ באַליען, אַטשעם אַפּאַסנע!” האָב איך דאָך מסתמא געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און הלך משה־מרדכי אַהיים! איך קום אַהיים — אַ חתונה! נישט קיין שטוב, נישט קיין קלייט, נישט קיין סחורה, נישט קיין קישעלע, נישט קיין העמד אָפּן לײַב. בגפּו יבוא בגפּו יצא — וואָס איז די טײַטש? — געווען אַן אָרעמאַן און אַרויס אַן אביון... דאָס ווײַב נעבעך וויינט, די קינדער אַף איר קוקנדיק, נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. אַ שטיקל גליק — כאָטש, וואָס ס'איז געווען געסטראַכירט, און דאָ, פֿאַרשטייט איר מיך, ליגט דער הונט באַגראָבן... נאָר דאָס אַליין וואָלט

נאָך געווען אַ האַלבע צרה. איז אָבער געווען דער גאַנצער אומגליק, וואָס דאָס מאָל איז געווען נישט דאָס ערשטע מאָל; מחמת איך האָב שוין, דאַרפט איר וויסן, אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, געברענט, אויך באַנאַכט איז דאָס געווען, און אויך בשעת איך בין נישט געווען אינדערהיים. נאָר דעמאָלט איז דאָס, דאַנקען גאָט, אָפּגעלאָפן גלאַט: געקומען דער אינספּעקטאָר, איבערגעשריבן די געברענטע שמאַטעס, אָפּגעשאַצט דעם היזק, זיך אויסגעגלייכט, פיין, שיין, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, און אַ רוח זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

איז דאָס געווען איין מאָל אַ מעשה. איצטיקס מאָל אָבער האָט מען מיר צוגעשיקט אַן אינספּעקטאָר, זאָל גאָט שומר ומציל זיין אַלע יידן! אַ רשע מרושע! און אַף מיין גליק — אַ נקי־כפּימניק, ער נעמט נישט!... האָט איר געהערט אַ מעשה? — ער נעמט נישט, און גיי מאַך! זוכט ער און נישטערט און גריבלט און גראָבט, וויל זיך דערביווען, איך זאָל אים קלאָר מאַכן, וויאַזוי האָט דאָס געברענט, און פון וואַנען? און וויפל איז פאַרברענט געוואָרן? און פאַר וואָס איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט? קיין סליד אפילו?... „אָ, זאָג איך, מיין טענה!... איך טענה אויך דאָס אייגענע! גייט, זאָג איך, פרעגט באַם רבונו־של־עולם”... „ס׳איז נישט גלאַט, זאָגט ער, מיינט נישט, אַז אַזוי גיך נעמט איר באַ אונדז געלט”... געפעלט אייך אַביסל אַ חכם? ער שרעקט די גענדז. פּונקט ווי דער סליעדאָוואַטעל אונדזערער וויל מיך כאַפּן באַ דער צונג, דערטאַפּט אַ מלופום־קינד: „סקאַזשי־נאַ, מאָשקע, זאָגט ער צו מיר, סקאַזשי מניע, ליובעזנעי, אָטטשעוואָ טי קאַזשדי ראַז גאָריש?” — דאָס הייסט, איך זאָל אים גיין זאָגן, וואָס איז דער שכל, וואָס איך ברען אַלע מאָל? „אָט פּאָזשאַראַ, זאָג איך אים, וואַשע בלאַהאָראָדיע” — פון אַ שרפה ברען איך... „פּאַרוואָס האָסטו, זאָגט ער, עפּעס גראָד געסטראַכירט פּריער מיט צוויי וואָכן, איידער דו האָסט געברענט?” „וואָס דען, זאָג איך, האָסטו געוואָלט, פריץ, איך זאָל סטראַכירן מיט צוויי וואָכן שפּעטער?"... „פּאַרוואָס, זאָגט ער, ביסטו גראָד נישטאָ אינדערהיים, בשעת דו ברענסט?” „נו, און אַז איך זאָל זיין אינדערהיים, זאָג איך, בשעת מעשה, וואָלט דיר שוין געווען גרינגער?”... „פּאַרוואָס, זאָגט ער, האָט מען דיר געטעלעגראַפירט, אַז די קינדער זיינען שלאָף, און דאָס ווייב איז שלאָף, און די שוויגער איז פאַרביי?” „בכדי, זאָג איך, איך זאָל

קומען צו פֿאָרן וואָס ניכער"... „פֿאַרוואָס האָט מען דיר נישט געשריבן בעסער דעם אמת?" „בכדי, זאָג איך, איז זאָל מיך נישט דערשרעקן"... „אויב אַזוי, מאַכט ער צו מיר, פֿאַרשטיי איך שוין, ווו איך האַלט מיט דיר. זאָלסט וויסן זײַן, זאָגט ער, אַז איך זעץ דיך אײַן". „פֿאַרוואָס און פֿאַר ווען? — זאָג איך, — וואָס האָסטו צו מיר? דו נעמסט, זאָג איך, אַ מענטשן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק, און מאַכסט אים אומגליק־לעך! ס'אַ קונץ, זאָג איך, קוילן? ווילסט קוילן — קוילע! דו פֿאַרגעסט, זאָג איך, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ זאַקאָן און ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט"... איז ער געוואָרן אָנגעצונדן: „דו רעדסט נאָך מיט גאָט? דו אַזעלכער און אַזעלכער!"... נאָר וואָס הער איך אים, אַז איך בין ריין, ריין ווי גינגאָלד, ווי זאָגט ער: אַל תּהי בז לכל בשר — וואָס איז די טײַטש? — אַז מע עסט נישט קיין קנאָבל, הערט זיך נישט נאָך, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

וואָלט געווען גוט; איז דאָך אָבער באָהסלעוו! קאָן עפּעס אַ באָהסלע־ווער ייִד לײַדן, אַז יענער זאָל נעמען אומזיסט געלט? האָט מען זיך צעלאָזט מיט פּאַפּירן, מיט מסירות הייסט דאָס. אַ סך האָבן אוועקגע־שריבן דורך דער פּאָסט, און אַ סך האָבן זיך אַליין מטריח געווען מיט זייער כבוד אין דער „אָבשטשעסטווע" אַרײַן, מיך געמסרט, אַז דאָס האָב איך אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש"... איר הערט, שקצים קאָ־נען?... אַז דאָס בין איך אומיסטנע אוועקגעפֿאָרן יענע נאַכט פֿון דער היים, בכדי... איר פֿאַרשטייט, הולטאַיעס קאָנען?... און אַז ס'איז בײַ מיר קיינמאָל נישט געווען, זאָגן זיי, אַזוי פֿיל סחורה, וויפֿל איך ווײַז־אָן, און אַז די חשבונות, מיט די ביכער, וואָס איך האָב צוגעשטעלט זײַנען פֿאַלשע חשבונות, און זיי וועלן דאָס אויפֿווײַזן, זאָגן זיי, מיט אותות ומופֿתים, מיט המנס מסירות, מיט... מיט... מיט אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר ווער הערט זיי, איך בעט אײַך, אַז איך בין פֿאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... מילא, דאָס וואָס זיי זאָגן, אַז איך אַליין האָב געמאַכט „בורא מאורי האש", איז דאָך גלאַט בלאָטע. אַ מינדסט קינד פֿאַרשטייט דאָך, אַז מע וויל שוין אָפּטאָן אַזאַ זאַך, טוט מען דאָס נישט אַליין. סע געפֿינט זיך שוין אַזעלכער, אַ שליח פֿון די „מלאכי־השרת", וואָס ער טוט דאָס אָפּ פֿאַר אַ דרײַערל... וואָס? נישט אַזוי? ווי אַזוי איז בײַ

איַיך?... און דאָס וואָס זיי זאָגן, אַז איך בין אומיסטנע אַוועקגעפאָרן פון דער היים, איז אַ שטותעריַי. ס'איז פאָרט געווען אַ קנס־מאָל באַ מיַין שוועסטער. איך האָב איינאונאיינציקע שוועסטער אין טאַראַשטשע, מאַכט זי חתונה די מיטלסטע טאָכטער, זאָל איך נישט פאָרן אַפן קנס־מאָל? טאַקע אַ יושר? איך פרעג איַיך אַליין: ווי וואָלט געווען, אַשטייגער, ווען איר האָט איינאונאיינציקע שוועסטער, און זי טוט אַ שידוך מיט דער מיטלסטער טאָכטער, וואָלט איר געזעסן אינדערהיים און נישט געפאָרן צו דער שוועסטער אַפן קנס־מאָל? ניין, וואָס שוויַיגט איר? צי, אַשטייגער, איך זאָל זיַין אַ נביא און טרעפן, אַז גראָד דעמאָלט, ווען מיַין שוועסטער אין טאַראַשטשע טוט אַ שידוך מיט דער מיטלסטער טאָכטער, וועט באַ מיר אין באָהסלעוו זיַין אַ שרפה! אַ גליק כאָטש, וואָס איך האָב געסטראַכירט. און געסטראַכירט האָב איך טאַקע איבער די היַינטיקע שרפות. קומט דער זומער, איז נישט אויסצוהאַלטן פון די שרפות, וואָס אין די קליינע שטעטלעך. איין שרפה נאָך דער אַנדערער. אָדער אין מיר אַ שרפה, אָדער אין באַברויסק, אָדער אין רעטשיצע, אָדער אין ביאַליסטאָק — דער עולם ברענט!... האָב איך מיך מיישב געווען: כל ישראל חברים — וואָס איז די טיַיטש? — אַלע ייִדן ברענען; נו, איז ווו בין איך? וואָס באַדאַרף איך, שוטה בן פיקהאָלץ, שטיין אין ריזיקע מיט אַ קראָם, פאַרלאָזן זיך אַף נסים, אַז איך קאָן זי פאַרסטראַכירן? נו, און וויבאַלד סטראַכירן, פאַרוואָס זאָל איך שוין נישט סטראַכירן ווי סע געהער צו זיַין? ממה נפשך, אַז עסן חזיר, זאָגט ער, לאָז כאָטש רינען איבערן באָרד. דער רוח וועט די „אָבשטשעסטווע” נישט נעמען, און איבער מיַינע עטלעכע קערבלעך וועט זי אָרעמער נישט ווערן, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען גאַנץ פיַין צו מיַין אַגענט און זאָג אים: „הער נאָר אויס, זיַינוול, אַזוי און אַזוי איז די מעשה. דער עולם ברענט, למאי זאָל איך שטיין אין ריזיקע? איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַרסטראַכירן מיַין קראָם”. „טאַקע באמת?” — מאַכט ער און קוקט אַף מיר מיט אַ מאָדנע שמייכעלע „וואָס שמייכלסטו, זאָג איך, ווי אַ פגר אומגעוואַשן?” „איך האָב, זאָגט ער, הנאה און סע טוט מיר באַנג”. „וואָס הייסט, זאָג איך, דו האָסט הנאה און סע טוט דיר באַנג?” „באַנג טוט מיר, וואָס איך האָב איַיך, זאָגט ער, איינמאָל געסטראַכירט. און

הנאה האָב איך, וואָס דאָס אַנדערע מאָל וועל איך אײַך שוין נישט סטראַכירן״. „וואָס איז די מעשה?״ — זאָג איך. „אַזוי, זאָגט ער, ווײַל איר האָט מיך איינמאָל אָפּגענאַרט״. „ווען האָב איך דיך אָפּגענאַרט?״ „דעמאָלט, ווען איר האָט געברענט״. „זאָג כאָטש „נישט הײַנט געדאַכט״, דו גראָבער יונגאַטש!״ „נישט הײַנט געדאַכט, נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט!״ — זאָגט ער און לאַכט מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן. אַ שייגעץ קאָן!... מאָלט אײַך, איך האָב אָפּגעזוכט אַן אַנדער אָרט אַף צו סטראַכירן. אַ גרויסע דאגה! המבלי אין פּגרים במצרים — וואָס איז די טײַטש? — קאַרג אָבשטשעסטווע פֿאַראַן בײַ אונדז? טאַטעניו! אַגענטן, ווי די הינט! האָב איך דערטאַפּט אַ יונגנמאַן, וואָס איז נאָרוואָס אַראָפּ פֿון קעסט און איז געוואָרן אַן אַגענט פֿון אַן „אָבשטשעסטווע״ און זוכט אַרבעט. נו, ווי פֿאַרשטייט איר, מסתּמא האָט ער מיך פֿאַרסטראַכירט, און טאַקע אַף עשׂרת אלפֿים רו״כ — פֿאַר וואָס נישט? איך בעט אײַך, סע שטייט מיר נישט אָן צו האָבן נאָך מער ווי פֿאַר צען טויזנט שמאַרדאָווענצעס סחורה אין קלייט? „טאָוואַר וואָבאַראָטי״ — וואָס איז די טײַטש? — הײַנט איז נישטאָ, מאָרגן איז פֿאַראַן... אײַ, זיי זאָגן איצט, די באָהסלעווער ייִדן, הייסט עס, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פֿיל סחורה? ווער הערט זיי? לאָזן זיי גיין דערווײַזן, לאָזן זיי זאָגן, לאָזן זיי ריידן, לאָזן זיי בילן, לאָז אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

דאָס גליק איז געווען, וואָס בשעת מעשׂה, בשעת איך האָב געסטראַכירט, האָט בײַ אונדז אין באָהסלעוו קיינער נישט געוווּסט פֿון דער מעשׂה, איז טאַקע דערפֿאַר אָפּגעלאָפֿן די מעשׂה גלאַט... און ערשט נאָכדעם, אַז עס האָט זיך געמאַכט דאָס אומגליק, איך בין אָפּגעברענט געוואָרן דאָס אַנדערע מאָל, הייסט עס, האָבן אחינו בני ישׂראל באַלד אַ וואָרף געטאָן זיך צו די אַגענטן: ווו איז געווען געסטראַכירט? און ווען איז געווען געסטראַכירט? און אַף וויפֿל איז געווען געסטראַכירט?... און אַז מע איז געוואָר געוואָרן, אַז אַף צען טויזנט, איז געוואָרן אַ רעש — הימל עפֿן זיך! סטײַטש, צען טויזנט?! משה־מרדכי וועט נעמען צען טויזנט קאַרבן!... האָב אײַך אַכציק שוואַרצע יאָר! וואָס אַרט אײַך, אַז משה־מרדכי וועט נעמען צען טויזנט? וואָס האָט איר מורא, טאָמער פֿאַרדינט חלילה משה־מרדכי אַ קערבל? און ווי וואָלט געווען פֿאַרקערט,

ווען משה־מרדכי זאָל דאַרפֿן דערלייגן צו דער שרפֿה, וואָלט איר אים אומגעקערט?... אַ קלייניקייט באַהסלעוו! איר שפּילט זיך מיט באַהסלעוו? אַ שטאָט פֿון גאָלע ערלעכע לײַט! צדיקים! קאָנען קיין עוולות נישט פֿאַרטראָגן!... דאַכט זיך, איך ווייס? מע זעט פֿאַר זיך אַזאַ אומגליק, יענער שפּרינגט־אַרויס קוים מיט די נפֿשות, האָט אַזאַ היזק!... און אַז ער האָט נישט אַזאַ היזק, איז וואָס? מאָלט אײַך, די מכּות מעג זיך זיי זעצן, וויפֿל איך וועל דאָ פֿאַרדינען מער... מיין איך ווינציקער ווי צען טויזנט! נו, בכן? און אפֿילו איך זאָל דאָ פֿאַרדינען די גאַנצע צען טויזנט, איז וואָס? וואָס?... ווען באַדאַרף דאָס ווי טאָן דער קאָפּ?... יענער ברענט — לאָז ער ברענען! ברענט אויך, ווערט פֿאַרברענט!... אַרײַנגיין אין יענעמס פּאָלאָזשעניע, טאָמער איז גאָר אַ מצווה? טאָמער איז גאָר יענער אַ מטופּל מיט קינדער? טאָמער האָט יענער אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן, אַ קינד אַ גאָלד, אַ געראָטענע און מיט אַלע מעלות? טאָמער האָט יענער קוים דערלעבט און האָט ניט אַף קיין שדכנות צו באַצאָלן אַפֿילו? טאָמער האָט יענער אַ ייִנגל אַ זעלטענעם קאָפּ, וואָס רײַסט זיך, וויל נעבעך לערנען, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס? טאָמער מוטשעט זיך יענער, ציט פֿון זיך די קליי, צוליב וואָס? צוליב ווײַב און קינדער! — דאָס וויל קיינער נישט באַרעכענען! איטלעכער רעכנט מיך נאָר אָפּ פֿון דער זײַט, אולי ירחם — וואָס איז די טײַטש? — טאָמער חלילה פֿאַרדין איך דאָ! און למאי זאָל איך פֿאַרדינען? און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר וואָס דען? איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת. מילא, אַז די קרעמער פֿאַרגינען מיר נישט, איז כאָטש נישט אַזוי פֿאַרדראָסיק: אָרעמעלײַט זײַנען מקנא, למאי איך נעם געלט און זיי נישט; אָבער מיט די נגידים וואָס געהער זיך דאָס אָן? מער פֿון אַלעמען ברענט מיך אַף אונדזער גבֿירס זונדל. אונדזער גבֿיר האָט אַ זונדל, הייסט ער „משה חכם מה הוא אומר" — אַ וווּיל ייִדל, אַ וואַרעמס, אַ קלוגער יונגאַטש און אַ ווייך הערצל, האָט פֿײַנט פּראָצענט, אַ ווילדער בעל־צדקה און אַ בעל־יושר און גלאַט אַ פֿײַן מענטשל... אַלע מאָל, ווען ער דערזעט מיך, שטעלט ער מיך אָפּ: „וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער פּעקל? איך האָב, זאָגט ער, געהערט, אַז איר האָט נעבעך געהאַט אַ גרויסן היזק!"... און בשעת מעשה לייגט ער אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, שטעלט־אַרויס דאָס בײַכל, קוקט מיט בהמהשע אויגן און מאַכט אַזאַ פּנים, אַז סע גלוסט

זיך אים געבן פּעטש, אוי גלוסט זיך!... נאָר מע מוז שווײַגן. וואָס זאָל מען טאָן? פּשוט, זאָגט ער, נבלה ואל תצטרך — וואָס איז די טײַטש? — אַ קניפּ אין באַק, די פּאַרב זאָל שטיין... לאָז נאָר גאָט געבן, ס׳זאָל שוין אָפּלויפן די סליעדסטווע, איך האָב אַף זיך אַ סליעדסטווע האָב איך, אַלע מאָל רופט מען מיך צום סליעדאָוואַטעל, אַלע מאָל אַן אַנדער שאלה... כאָטש סע אַרט מיך, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, וואָרעם וואָס, משטיינס געזאָגט? וואָס העד איך זיי, אַז איך בין ריין ווי גינגאָלד?... דערווײַלע, ביז עפּעס וואָס, האָט מען באַ מיר גענומען אַ חתימה, אַז איך טאָר נישט אָפּפאָרן פון דער היים, און איך פאָר דווקא אַרום, ווי איר זעט מיך, טאָג ווי נאַכט, די באַהסלעווער יידן אַף־צו־להכעיס! כל דכפין ייתי ויצרך — וואָס איז די טײַטש? — ווער עס וויל, לאָז ער מיר נאָכ־פאָרן, און לאָזן זיי מיך לאָדן צום ונתנה־תוקף, און אַ רוח אין זיי אין טאַטן, און גאָרנישט!...

קערט איר אפשר מיינען, וויבאַלד איך האָב אַף זיך אַזאַ פּעקל, וויל מסתמא די „אָבשטשעסטווע" מיט מיר נישט אָפּענדיקן פאַר דער שרפה? אַזוי פיל מכות זאָל זיך זעצן דעם באָהסלעווער גבירים זונדל אַף זײַן נאַריש פּנים, וויפל טויזנטער איך קאָן באַ זיי נעמען! אַי, וועט איר דאָך פרעגן: פאַרוואָס נעם איך נישט? — ע! קענט איר דאָך מיך נישט! איך בין דאַרפט איר וויסן, אַ ייִד אַ גזלן; נישט אַזוי גיך בײַסט מען מיך אײַן. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: איז וויבאַלד החילות לנפול — וואָס איז די טײַטש? — אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז נפול תפּול — וואָס איז די טײַטש? — לאָז זיך עס גיין ווי סע גייט זיך... אַי, די סליעדסטווע? די סליעדסטווע איז אַ סליעדסטווע! וואָס האָב איך מורא, אַז איך בין פאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... ס׳איז נאָר שלעכט דערווײַלע, וואָס סע וואַקעוועט זיך מײַן געלט אומזיסט, און וואָס איך בין דערווײַלע געענגט, איך ווער שיער נישט דערוואָרגן פאַר ענגשאַפט! אָט דאָס איז ביטער! ס׳איז אָבער טאַקע אַ פאַרדראָסיקע זאַך, כ׳לעבן: דאָס געלט, וואָס איך דאַרף נעמען, וועל איך דאָך נעמען, עס וועט זיך זיי דען עפּעס העלפן? הײַנט למאַי זאָל מען מיך ציִען אומזיסט־אומנישט? גיט מיר אָפּ מײַן געלט, טענה איך, מײַן געלט גיט מיר אָפּ! רוצחים, וואָס האָט איר צו מײַנע קינדער? —טענה איך, — איך וויל דען עפּעס באַ אײַך אַ סך? גיט מיר אָפּ מײַנע צען טויזנט קערבלעך, מײַנע קינדערס

געלט —ס'איז דען מײַן געלט? ס'איז מײַנע קינדערס געלט! גיט מיר אָפּ מײַנע קינדערס געלט, און לאָזט מיך צו־רו, און לאָז דאָס האָבן אַן עק, און אַ רוח אין אײַער טאַטן, און גאָרנישט!...

נאָר וואָס העלפט טענהן? וואָס העלפט שרײַען? דערווײַלע איז שלעכט, שלעכט, ביזן עק אַרײַן שלעכט! פון געשעפט אָפּגעשלאָגן זיך, חתונה אָפּגעשטעלט, נדן איז נישטאָ, קינדער לערנען דאַרף מען, געלט קאָסט, ברוך השם, אַלע טאָג, מע ברענגט זיך אויס. הײַנט די יסורים! מע שלאָפט דען? מע הייבט נישט אָן צו שלאָפן! מע האָט טאַקע קיין מורא נישט; וואָרעם וואָס האָב איך מורא צו האָבן, אַז איך בין פּאַרט ריין, ווי גינגאָלד? נאָר גאָרנישט, מע איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, עס גייען־דורך אַלערליי רעיונות, מחשבות: ס'איז אַ סליעדסטווע, מיט אַ פּרעקאָראָר, מיט באַהסלעווען ייִדן, וואָס ווילן אײַך גיין עדות זאָגן און שווערן, אַז זיי האָבן אײַך אַליין געזען אַרומגיין באַנאַכט מיט אַ הבדלה אָפּן בוידעם... איר שפּילט זיך מיט באַהסלעווער ייִדן? גלייבט מיר, ס'איז פאַראַן בא אונדז איינער אַ דוויד־הערש — זאָל איך עס פאַרדינען אַלע וואָך מיט אײַך אינאיינעם, וואָס דער דוויד־הערש קאָסט מיך שוין לאַ־יחרץ־געלט! און דווקא אַ גוטער ברודער, און דווקא אַ טאַטנס אַ קינד, און דווקא מיט אַ שמייכעלע, און דווקא מיט אַן „אם־ירצה־השם” און מיט אַ „גאָט־וועט־העלפן”, און מיט אַ רוח אים אין טאַטן, און גאָרנישט!...

הײַנט פאַרשטייט איר שוין, וואָס באַהסלעוו איז? בין איך שוין גערעכט, וואָס איך בין אַזוי אויפגעטראָגן אַף אונדזערע ייִדן? וואַרט־צו, לאָז מיר נאָר גאָט העלפן, איך נעם־אָפּ מײַנע עטלעכע קערבלעך, וועל איך זיך שוין מיט זיי צערעכענען! קודם־כל בין איך מנדר אַף דער שטאָט, איך קאָן נישט זאָגן וויפל, נאָר נישט ווינציקער וויפל אונדזערע נגידים; איך וועל מיך שטעלן, מעגט איר מיר זיבער גלייבן, ווי דער שענסטער נגיד: אַן עליה אין שול די שענסטע, מיטן גרויסן „בעבור־שנדר־עשרה־פונט־גרות־על־בית־המדרש”, ס'זאָל קלינגען, און לאָזן זיי צעז־זעצט און צעשפּרונגען ווערן! פונעם „בקור־חולים” און פון דער „תלמוד־תורה” שמועסט מען ניט: אין „בקור חולים” אַרײַן אַ האַלב טוץ זאָגענע העמדער פאַר די קראַנקע, און אַלע תלמוד־תורה־ייִנגלעך שפּאָגל־נײַע אַרבע כופותלעך... און ערשט נאָכדעם מאַך איך חתונה די טאָכטער מײַנע. נאָר

אַלץ הייסט חתונה! איר קערט אוודאי מיינען, אַז איך נעם גלאַט אַזוי און מאַך חתונה, ווי אַלע ייִדן מאַכן חתונה? פּע! קענט איר דאָך מיך גאָר נישט, ווער איך בין! איך, אַז איך מאַך חתונה, מאַך איך אַ חתונה, אשר לא חתונו אבותינו — מע האָט נאָך בײַ אונדז אַזאַ חתונה נישט געהערט און נישט געזען! אַ שאַלאַש איבערן גאַנצן שול־הויף! כּלי־זמר קאָן איך באַשטעלן דווקא פון סמילע! אָן אָרעם־מאַלצײַט פאַר דרײַ הונדערט אָרעמעלײַט, מיט דער פײַנער סעודה, מיט די גוטע קוילעטשלעך און מיטן רעכטן ביסל בראָנפן, און מיט דער שיינער נדבה, אַ פיטאַקל אויף צווייען... און אויף דער חופּה־וועטשערע — דווקא די גאַנצע שטאָט, אָבער טאַקע פון איין עק ביזן אַנדערן עק, און די שונאים, וואָס האָבן מיך געוואָלט דערטרינקען, דווקא אויבן־אָן, און דווקא לחיים, און דווקא אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ! שפּילט, כּלי־זמר, אויף וואָס די וועלט שטייט, און לאָמיר, ייִדן, טאַנצן!... אָט אַזאַ ייִד בין איך! איר קענט מיך גאָרנישט. הערט איר, וואָס איך זאָג אײַך? איר הייבט מיך גאָרנישט אָן צו קענען! איך, אַז איך צעהוליע זיך, איז בײַ מיר געלט בלאָטע — נאָך אַ קוואָרט בראָנפן און נאָך אַ קוואָרט בראָנפן, און תּמות נפשי עם פּלשתּים — וואָס איז די טײַטש? — איר זאָלט, קינדער, צעזעצט ווערן טרינקענדיק, און וואָן פון שטוב, און אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן, און גאָרנישט!

ענדע געשיכטע נומער פופצן.

געשריבן אין יאָר 1903